**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2023/17/11 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאטיווע פעקל צו באשיצן ניו יארק טענענטס**

***געזעץ S.7456/A.7273 פארלאנגט די ניו יארק סיטי הויזינג אויטאריטעט צו געבן איינוואוינער צייטליכע מעלדונג ווען וואסער איז נישט פארזיכערט צו טרונקען אדער קאכן***

***געזעץ S.2294A/A.2134A פארלאנגט פראפערטי אייגנטומער פון מערערע-פאמיליע געביידעס צוצושטעלן אן עמערדזשענסי קאנטאקט ליסטע פון איינוואוינער צו עמערדזשענסי סערוויסעס שטאב אויפן פארלאנג***

***געזעץ S.358B/A.2258B פארבאט אריינצולייגן געוויסע זיכערהייט געצייג גענוצט צו קאנטראלירן צוטריט צו פובליק ערטער פון א רעזידענציאלע געביידע אן שריפטליכע ערלויבעניש***

***געזעץ S.548/A.458 ערלויבט די עקזעקיוטער פון א פארשטארבענעם טענענט אפצוהאקן דעם טענענט'ס ליעס צו פארמיידן אומנויטיגע אויסגאבן צום עסטעיט און פרייצולאזן דירות***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א לעגיסלאטיווע פעקל צו פארזיכערן טענענט'ס זיכערהייט דורכאויס געוויסע עמערדזשענסיס, צווישן אנדערע זיכערהייט שריט. די נייע געזעץ פארלאנגט ניו יארק סיטי הויזינג אויטאריטעט צו מעלדן איינוואוינער אינערהאלב 24 שעה אויב NYCHA ווערט געמאלדן דורך א יוטיליטי אדער רעגירונג אגענטור אז די וואסער איז נישט פארזיכערט פאר טרונקען אדער קאכן; פארלאנגט אייגנטומער פון מערערע-פאמיליע געביידעס צוצושטעלן די נעמען און קאנטאקט אינפארמאציע פון אלע זייערע געביידע'ס איינוואוינער צו עמערדזשענסי סערוויסעס שטאב אויפן פארלאנג דורכאויס פייערן אדער אנדערע עמערדזשענסיס; פארבאט אריינצולייגן געוויסע געביידע זיכערהייט געצייג גענוצט צו האבן צוטריט צו פובליק ערטער פון א רעזידענציאלע געביידע אן די געביידע'ס שריפטליכע ערלויבעניש; און ערלויבט די עסטעיט פון א פארשטארבענעם טענענט אפצוהאקן א טענענט'ס ליעס.

"אלע ניו יארקער פארדינען זיך צוטריט צו א זיכערע און געזונטע היים," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק האט די העכסטע פראצענט פון דינגער פון סיי וועלכע סטעיט אינעם לאנד, און איך בין שטאלץ אונטערצושרייבן די געזעץ וועלכע וועט פארזיכערן אז טענענטס האבן מער, וויכטיגע באשיצונגען."

געזעץ S.7456/A.7273 פארלאנגט NYCHA צו געבן איינוואוינער 24 שעה שריפטליכע מעלדונג אויב א יוטיליטי אדער רעגירונג אגענטור מעלדט NYCHA אז די וואסער איז נישט פארזיכערט פאר טרונקען אדער קאכן.

**אסעמבלי-מיטגליד לינדא ב. ראזענטאהל האט געזאגט,** "אלע טענענטס, ארייגערעכנט איינוואוינער פון NYCHA דעוועלאפמענטס, דארפן ערווארטן אז די וואסער צו טרונקען צוגעשטעלט צו זייער געביידעס איז ריין און זיכער. עס קען נישט ווערן אנגענומען אז זיי ספראוווען זיך צו אפט מיט אומזיכערקייט ווען עס קומט צום קוואליטעט פון וואסער וואס קומט ארויס פון זייער טעפס. ווען טעסט רעזולטאטן טוען אנדייטן א מעגליכע געפאר, מוזן איינוואוינער ווערן גלייך געמאלדן. מיין ביל, וועלכע גאווערנער האקול שרייבט אונטער אלץ א געזעץ היינט, שאפט פארשריפטן פאר צייטליכע מעלדונג צו איינוואוינער ווען וואסער קוואליטעט אנגעלעגנהייטן קומען ארויף, צוזאמען מיט א פאדערונג אז סיי וועלכע לאבס גענוצט צו אונטערזוכן די וואסער קוואליטעט קומען נאך געוויסע סטאנדארטן און וועט פארזיכערן די זיכערהייט פון וואסער וועלכע ווערט געטרונקען דורך אלע NYCHA איינוואוינער און זייערע פאמיליעס."

געזעץ S.2294A/A.2134A פארלאנגט אייגנטומער פון מערערע-פאמיליע רענטעל געביידעס צוצושטעלן די נעמען און קאנטאקט אינפארמאציע פון אלע געביידע'ס איינוואוינער אויפן פארלאנג פון עמערדזשענסי סערוויסעס שטאב וועלכע קומען צו אן עמערדזשענסי, אזוי ווי א פייער, געז ליעק, אדער סיי וועלכע געשעעניש ווי מען דארף טרעפן טענענטס צו באשטימען זייער זיכערהייט.

לויטן געזעץ, מוז די אייגנטומער באקומען ספעציפישע און אינפארמירטע שריפטליכע צושטימונג פון טענענטס און די ליסטעס קענען נישט ווערן גענוצט אדער אויסגעטיילט פאר אנדערע צוועקן. אייגנטומער וועלן דארפן איבערפרישן די ליסטע ווען איינער גייט אריין, באנייט, אדער טוישט א ליעס. באזירט אויף צושטימונג באקומען דורך דעם גאווערנער צו טוישן די געזעץ נעקסטע סעסיע, קענען פובליק הויזינג אויטאריטעטן איבערפרישן די ליסטע ביים יערליכע ריסערטיפיקאציע פון בארעכטיגקייט פאר פובליק הויזינג, צו פארזיכערן אז די אנדערש וואו וואילטעטיגע געזעץ טוט נישט גורם זיין פאר די קריטיש וויכטיגע צוגענגליכע הויזינג קוועלער אומנויטיגע אפיס ארבעט.

**סטעיט סענאטאר שעלי ב. מייער האט געזאגט,** "איך בין צופרידן אז מיטן גאווערנער'ס אונטערשריפט היינט, טוט ניו יארק סטעיט נעמען נאך א טריט צו פארמערן זיכערהייט פאר טענענטס לענגאויס ניו יארק סטעיט. אין די שרעקליכע פאל פון א פייער, פארפלייצונג, אדער אנדערע עמערדזשענסי, קען עס זיין קריטיש און קען מעגליך ראטעווען לעבנס פאר ערשטע הילף צו וויסן פונקטליך וויפיל מענטשן פארבלייבן אין אפארטמענט געביידעס און מערערע-פאמיליע הייזער. איך האב אויפגעברענגט די לעגיסלאציע נאך אן ערנסטע פייער אין א יאנקערס קא-אפ, וואו ערשטע הילף וואלונטירן האבן געהאט שוועריגקייטן צו באשטעטיגן די לאקאציע פון איינוואוינער וויבאלד זיי האבן נישט געהאט א ליסטע פון די וואס האבן געוואוינט אין די געביידע. איך דאנק אסעמבלי-מיטגליד דזשעפרי דינאוויטש פארן אריינברענגען די געזעץ אין די אסעמבלי און גאווערנער קעטי האקול פארן עס אונטערשרייבן אלץ א געזעץ."

**אסעמבלי-מיטגליד דזשעפרי דינאוויטש האט געזאגט,** "ווען פייערלעשער און אנדערע עמערדזשענסי שטאב ווערן גערופן צו גיין צו א פייער אדער אנדערע קריזיס, טוען זייערע פאראנטווארטליכקייטן אריינרעכענען צו פארזיכערן אז יעדער איז זיכערערהייט אוועקגעפירט געווארן פונעם געביידע. די פליכט קען זיין ספעציעל שווער ווען א פייער פאסירט אין אן אפארטמענט געביידע. אבער, די געזעץ וועט עס מאכן פיל גרינגער פאר עמערדזשענסי שטאב צו האבן די נויטיגע אינפארמאציע צו פארזיכערן אז מען האט א חשבון פון אלע איינוואוינער ווען א טראגעדיע פאסירט, אזוי ווי ווען א פייער ברעכט אויס אין אן אפארטמענט געביידע. א דאנק צו גאווערנער קעטי האקול און סטעיט סענאטאר שעלי מייער."

געזעץ S.358B/A.2258B פארבאט סיי וועלכע פערזאן אדער איינהייט פון אריינלייגן א זיכערהייט געצייג וואס מען דארף נישט א שליסל צו באקומען צוטריט צו א רעזידענציאלע געביידע'ס פובליק פלאץ אן אויסשליסליכע שריפטליכע צושטימונג פון די געביידע. א דאנק צו נאך א צושטימונג פארזיכערט דורכן גאווערנער מיט די לעגיסלאטור, וועט די געזעץ ווערן געטוישט נעקסטע סעסיע כדי אויך

צו פארלאנגען געביידע אייגנטומער אדער פארוואלטער צו געבן 30 טעג מעלדונג פאר איינוואוינער פון סיי וועלכע באשטעטיגטע אינסטאלאציע, ווי אויך פארזיכערן אז די אינסטאלאציע פון די געצייג וועט נישט פירן צו טוישונגען אין ראטע ווי אויך נישט פאראורזאכן סיי וועלכע אנגעלעגנהייטן צו האבן איינטריט אין זייערע געביידעס.

**סטעיט סענאטאר קעווין טאמעס האט געזאגט,** "איך דאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן מיין לעגיסלאציע צו לייגן די זיכערהייט און פריוואקטייט פון קאנסומער נאך באזארגנדע באריכטן אויף אמאזאן'ס 'שליסל פאר ביזנעס' געדאנק. דורך פארלאנגען שריפטליכע צושטימונג פאר איינטריט געצייג וואס פארלאנגען נישט קיין שליסל אין רעזידענציאלע געביידעס, טוען מיר באשיצען ניו יארקער'ס רעכטן און באשיצן קעגן אומפאראויסגעזענע קאסטן. דאס וועט שטעלן א ביישפיל פאר פאראנטווארטליכע טעכנאלאגיע איינפירונג אין אונזערע געמיינדעס."

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאו אן סימאן האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר ניו יארקער צו שפירן זיכער און בלייבן געזונט אין זייער אייגענע הייזער. צוליב דעם בין איך זייער צופרידן אז גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן אלץ א געזעץ די לעגיסלאטיווע פעקל וואס וועט פארשטארקען געביידע זיכערהייט, אריינגערעכנט מיין ביל צו פארמיידן די אומאויסגעהאלטענע אריינגלייגן פון איינטריט געצייג וואס פארלאנגען נישט קיין שליסל אין פובליק ערטער פון רעזידענציאלע געביידעס. די געזעץ וועט פארזיכערן אז ניו יארקער ווייסן פון סיי וועלכע אזעלכע געצייג וועלכע ווערן אריינגעלייגט אין זייער געביידע וויבאלד עס וועט יעצט פארלאנגען שריפטליכע צושטימונג."

געזעץ S.548/A.458 ערלויבט די עקזעקיוטער, אדמיניסטראטער, אדער לעגאלע פארטרעטער פון א פארשטארבענעם טענענט צו אפהאקן דעם טענענט'ס ליעס אויף א געשריבענעם מעלדונג צום לענדלארד. די ביל וועט באשיצן סיי דעם עסטעיט'ס און סיי דעם לענדלארד'ס פינאנציעלע זיכערהייט דורך ערלויבן די עסטעיט אויפצוהערן צאלן ראטע בשעת פארלאנגען די עסטעיט צו צאלן סיי וועלכע אויסגעצייכנטע קאסטן וואס מען איז שולדיג צום געביידע ביים צייט פון אפהאקן. די געזעץ טוט אויך ערלויבן רענטעל דירות צוריקצוגיין אויפן מארקעט שנעלער, דערביי העלפנדיג צוקונפטיגע טענענטס טרעפן האויזינג.

**סטעיט סענאטאר ברעד הוילמאן-סיגאל האט געזאגט,** "מיטן היינטיגן אונטערשריפט דורך גאווערנער האקול, פאררעכטן מיר די מיאוסע אומשטענדן ווי פאמיליעס פון פארשטארבענע טענענטס ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך פאר די רעשט פון די ראטע אויף אפטארטמענט ליעסעס. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול, סענאט מאריטעט פירער אנדריע סטוארט-קאזינס און מיין מיטארבעטער אסעמבלי-מיטגליד עפשטיין פאר זייער שטיצע. איך דאנק אויך בארבארע באראן, וועלכע האט אלץ טייל פונעם באפעלקערונג מיר ערשט אויפגעברענגט די אומגערעכטע און אומגלייכע פאל צו מיין אויפמערקזאמקייט, און האט געקעמפט דורכצופירן אונזער לעגיסלאציע פאר יארן."

**אסעמבלי-מיטגליד הארווי עפשטיין האט געזאגט,** " ערלויבן לענדלארדס צו האלטן פארשטארבענע טענענטס צו זייער ליעס טערמינען שטעלט אן אומלאגישע פינאנציעלע יאך אויפן עסטעיט. די יעצטיגע סיסטעם טוט אומ'יושר'דיג לייגן א יאך אויף מענטשן וועלכע האבן נישט די מעגליכקייט צו באצאלן. די ביל איז א טריט צו א גלייכערע הויזינג סיסטעם און איך באדאנק גאווערנער האקול פארן עס אונטערשרייבן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן